**גוט שבת אלע אידן.** ר' אליעזר כהן'ס משפחה איז געקומען וואוינען אין שיקאגו, אמעריקע בערך א הונדערט יאר צוריק. כאטש אז אסאך אידן וואס זענען געקומען וואוינען אין דעם "גאלדענע מדינה" זענען נעבאך נישט געבליבן פרום, איז די כהן משפחה יא געבליבן ערליך, ב"ה.

אין די צווייטע וועלט מלחמה יארן האט די אמעריקאנער רעגירונג אריינגענומען אסאך אידן אין מיליטער. אין תש"ד, א יאר בעפאר די מלחמה האט זיך געענדיגט, איז אליעזר כהן געווען זעקס און דרייסיג יאר אלט. ער האט חתונה געהאט און ער האט געהאט ב"ה דעמאלט דריי קינדער. וועגן דעם האט אליעזר נישט מורא געהאט ווען ער האט באקומען איין טאג א בריוו פונעם ארמיי. ווייל זיי האבן נאר גערופן יונגערע מענטשן צום ארמיי.

מיט גרויס נייגעריגקייט, האט אליעזר געעפענט דעם בריוו צו זען וואס דער ארמיי האט פונקט געוואלט פון אים. ווען ער האט געליינט דעם בריוו האט זיין פנים אנגעהויבן צו ווערן ווייס, פונקט אזוי די קאליר פונעם פאפיער! זיי האבן אים גערופן צום ארמיי! אליעזר איז שוין געווען העכער דעם עלטער צו ווערן אריינגענומען צום מיליטער, אבער, וויבאלד אז עס האט געפעלט סאלדאטן, האבן זיי באין ברירה געדארפט נעמען עלטערע מענטשן אויך. ער האט זיך געדארפט מעלדען צו א געוויסע אדרעס אין שטאט שיקאגו שבת אינדערפרי. איינער וואס וועט נישט אנקומען וועט מען ארעסטירן.

פארשטייט זיך אז אליעזר האט זייער מורא געהאט, נישט נאר ווייל ער האט געדארפט גיין אין אזא פלאץ שבת, נאר ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס וועט זיין מיט זיין אידישקייט אין מיליטער! ערב שבת האט ער צוזאמענגענומען זיינע זאכן, למשל עסן, לעכט, וויין, זיין טלית מיט א סידור און חומש, וכו', און ער איז געפארן צו יענע געגענט פונעם שטאט, וואו ער האט געדינגען א צימער אין א האטעל כדי צו קענען אנקומען צום אפוינטמענט שבת אינדערפרי.

יענע שבת איז געווען פרשת ויקהל. ליל שבת האט ער געלערנט די פרשה. ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק "לא תבערו אש... ביום השבת" האט ער איבערגעחזרט די ווערטער "לא תבערו אש..." "לא תבערו אש..." עטליכע מאל. די פסוק איז געבליבן אין זיין מח ווען ער האט זיך געלייגט שלאפן, אבער ער האט נישט געוואוסט פארוואס פונקט יענע פסוק.

דעם נעקסטען טאג אינדערפרי, איז ער אויפגעשטאנען אין זיין האטעל צימער. ער האט געדאווענט אין זיין שטוב, ווייל עס איז נישט געווען דארט קיין שול אין יענע געגענט פון שטאט. נאך די סעודה, איז ער געגאנגען צום אפוינטמענט. ווען ער איז אנגעקומען האט ער געזען א לאנגע שורה פון טויזנטע מענטשן ווארטן אריינצוגיין. דאקטוירים האבן געווארט צו איבערקוקן יעדע מענטש צו זען אויב ער איז ראוי פארן מיליטער. פארן ערשטן מאל אין זיין לעבן האט אליעזר געהאפט אז די דאקטוירים וועלן אים טרעפן נישט געזונט, כדי ער זאל נישט דארפן אריינגיין אין מיליטער! אבער, אלע דאקטוירים האבן אים געזאגט אז ער איז 100% געזונט!

שפעטער אינעם טאג, האט אליעזר זיך אראפגעזעצט מיט א ספעציעלע מין דאקטאר וואס האט נאר גערעדט צו אים. דער דאקטאר האט אויסגעקוקט ווי א איד. אליעזר האט געזען דא זיין געלעגנהייט, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן: "דאקטאר, איך בין אן ארטאדאקסישער איד. איך האב מורא... ווי אזוי גיי איך קענען היטן שבת און די אלע אנדערע מצוות אין מיליטער? און ווער וועט קעיר נעמען פון מיין משפחה?!?"

דער דאקטאר האט זיך געמאכט נישט וויסענדיג פון אליעזר. אליעזר האט אים אנגעקוקט, בשעת דער פרייער אידישער דאקטאר האט נעבאך ארויסגענומען א סיגארעטל פון טאש און ער האט עס אנגעצינדען, השם ישמור! אליעזר האט איבערגעחזרט דעם פסוק "לא תבערו אש..." "לא תבערו אש..."

"דאקטאר, דו קוקסט אויס אידיש, פארוואס רייכערסטו שבת?" האט אליעזר געזאגט צו אים. "הער צו, עס איז געווען א לאנגע טאג, לאז מיר אפ!" האט אים דער דאקטאר געזאגט. אבער אליעזר האט אים נישט אפגעלאזט, נאר, ער האט אים ווייטער געמוסר'ט וועגן קדושת השבת. נאך אפאר מינוט, מיט נערוועזקייט האט יענער דאקטאר ארויסגענומען א שטיקל פאפיער און ער האט עפעס געשריבן אויף עס, דאן האט ער געגעבן דעם פאפיער צו אליעזר און אים געהייסן עס ברענגען צום נעקסטען דאקטאר.

ווען אליעזר איז אריינגעקומען האט ער געזען אז דער צווייטער דאקטאר האט אויך אויסגעקוקט ווי א איד! צו אליעזר'ס ערשטוינונג האט יענער דאקטאר אויך ארויסגענומען א סיגארעטל און ער האט עס אנגעצינדען.

"דאקטאר, דו קוקסט אויס אידיש, פארוואס רייכערסטו שבת?" "וואס?" האט דער דאקטאר געזאגט, פלוצלינג ארויפקוקנדיק פון די פאפירען אויף זיין טיש.

"פארוואס רייכערסטו שבת?, צו דען ווייסטו נישט אז עס איז אסור?" האט אליעזר אים געזאגט.

דער דאקטאר האט געשאקעלט זיין קאפ. "אוי וויי! דו ביסט צו נערוועז פארן אמעריקאנער ארמיי! מיר דארפן נישט קיין מענטשן אזוי ווי דיר און אונזער מיליטער! גיי אהיים."

מיט גרויס שמחה און מנוחת הנפש פון נישט דארפן דינען אין מיליטער, איז אליעזר געלויפן דעם גאנצען וועג פיר מייל אהיים! ער האט דערציילט צו יעדען איינעם דעם נס וואס דער אייבערשטער האט געמאכט פאר אים. אליעזר האט ב"ה זוכה געווען צו האבן שיינע אידישע דורות ארויסקומען פון אים, אין דעם זכות פון שבת קודש!

עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה "ואת שבתתי תשמרו" און איר זאלט היטן דעם שבת. ב"ה אז מיר האבן נישט דעם נסיון פון ארבעטן שבת. אבער, איין נסיון וואס מיר האבן אפשר יא, איז נישט רעדן וואכעדיגע זאכן אין שבת קודש. א כלל: זאכן וואס מען טאר נישט טון אין שבת קודש, מעג מען נישט רעדן פון די זאכן אין שבת קודש. דער פלא יועץ ברענגט אז איינער וואס רעדט דברי חול אין שבת און נאכדעם זאגט ער "נישט אין שבת גערעדט" ווייזט ער נאר אויף זיין עם הארצות, ווייל ער האט גארנישט אויפגעטון.

שבת איז אזוי ווי גאר א חשובע גאסט וואס קומט איינמאל א וואך. שטעלט אייך פאר אז ווען א חשובער גאסט זיצט ביים טיש, זאגט מען צו אים אין פנים אריין, "מיר קענען נישט ווארטען ביז דו גייסט אוועק, דעמאלט קענען מיר טון זאכן וואס מען קען נישט טון ווען דו ביסט דא צווישן אונז." רבינו תם ז"ע זאגט אין "ספר הישר" אז איינער קען וויסן אז ער איז א צדיק אויב זיין עיקר חשק אין לעבן איז פאר רוחניות. מכלל הן אתה שומע לאו. צו דען איז שבת נישט דער שפיץ פון אידישקייט? שבת ווערט דאך אנגערופן "מעין עולם הבא" – שבת איז א שטיקל עולם הבא. יעדער איינער וויל זוכה זיין צום עולם הבא. ווער וויל דאן נישט שפירען עלום הבא יעדע וואך אין שבת קודש? מען דארף דערווארטען די גאנצע וואך אויף שבת קודש, און ווען עס קומט, דארף מען ווייזן אונזער חשק פאר שבת דורך זיין אפגעהיטן מיט אונזער דיבור.

דורך צוריקהאלטן פון רעדן דברי חול אין שבת, וועלן מיר אלע זוכה צו די ווערטער פונעם נביא: "...וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת עֹנֶג לִקְדוֹשׁ ה' מְכֻבָּד וְכִבַּדְתּוֹ מֵעֲשׂוֹת דְּרָכֶיךָ מִמְּצוֹא חֶפְצְךָ וְדַבֵּר דָּבָר. אָז תִּתְעַנַּג עַל ה'..." **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה, לע"נ שמעון ע"ה, לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה, לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:) - **נא לעיין דף זה לאחר התפילה**